# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

• צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 95 — פרייטאג, דעם 24 אפריל 1936

## ער פערזוכט די „קאשע"




## וואס ער האט פערקאכט!...

---

## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**קורצער פרייטאג:** זאגט מיר פאניע שבת הגדול, גיט מיר אן עצה.
**שבת הגדול:** דהיינו?
**קורצער פרייטאג:** כ'האב א פאר טויזענד גילדען, אפשר ווייסט איהר פון עפעס א געשעפטעל, מ'זאל עפעס קענען פערדינען?
**שבת הגדול:** איך מיין, איהר זאלט אביסעל צו־ווארטען, באלד וועט מוסאליני מאכען א פא סע־זאנאווע וויפשעדאזש פון אביסיניען. ביי אזא אויס־פערקויף קען מען אמאל כאפען א מציאהילע.
**קורצער פרייטאג:** איהר זענט אפשר גע־רעכט. יא, אז מ'רעדט שוין, האב איך אייך טאקע געוואלט פרעגען נאך א זאך: היטלער איז א בעווייב־טער צי א בחור?
**שבת הגדול:** א בחור, אן אלטער בחור!
**קורצער פרייטאג:** ער רעכענט גארנישט חתונה צו האבען?
**שבת הגדול:** אויב ער וועט חתונה האבען, וועט ער נאר מיט איינע.
**קורצער פרייטאג:** מיט וועלכע?
**שבת הגדול:** מיט דער „גראבער בערטאי".

### אין געריכט

ריכטער: פארוואס האט דער אנגעקלאגטער גע־מאכט פאלשע 5 זלאטעס?
אנגעקלאגטער: ווייל כ'האב נישט געוואוסט, ווי אזוי מ'מאכט ריכטיגע!

## דער חתן-בחור
### מיט „אמעריקאנער" ברילען

שמעריל טראגט „אמעריקאנערי",
ברייטע, רונדע אקולארעס,
קוקט ער ווי די פויגעל פליהען,
ווי עס ציהען זיך די כמארעס.

שמעריל, ער איז נישט קיין סוחר,
ריהאלט אויך נישט פון קיין מלאכה,
ריאיז זיך גלאט א חתן־בחור,
אהן א „זיווגי", אהן א ברכה...

עסט זיך שמעריל קעסט ביים טאטען
טוט זיך קיינמאל נישט פערדארבען
און דער בחור בעט כסדר:
ס'זאל דער טאטע גארנישט שטארבען!...

שרכן ברענגט באלד שמערילס „זיווגי"
נאר „זיווגי" מיט פרנסה!
ס'מוז זיין ווייבעל איהם בעזארגען,
מיט הוצאה און הכנסה!...

שמעריל איז דאך אונבעהאלפען,
א לאיצלח פגיה און שפעטער:
ס'וועט זיך נעבעך שמערילס ווייבעל
מוזען זוכען א פערטרעטער...

א. ק.

## פון דער פאגאטאוויע

ווי מ'טילט מיט איז די פאגאטאוויע ארויסגער־רופען געווארען צו פאלגענדע פערזאנען:

### טראגישער פארפאל אין פארק

דער סטרוזש פון סטאשיץ־פארק האט געפונען א פארל אין א פעוואוסטלאזען צושטאנד. ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט איז דאס פארל — חתן־כלה, וועלכע זענען געגאנגען אין פארק נעניסען פון אביסעל פרייע לופט. די שארפע לופט האט דעם פארעל אזוי שטארק פערכאפט דעם אטעם, אז זיי זענען אוועקגעפאלען...

דער ארויסגערופענער דאקטאר פון דער פאגא־טאוויע האט דאס פארל דערמינטערט און מיט דער לארעטע אפגעפיהרט צום ראבינאט, וואו זיי האבען בעקומען התונה אקטען...

### הישפאנקע

צו א היגען פאבריקאנט איז ארויסגערופען גע־ווארען די פאגאטאוויע, ווייל ער האט פלוצלינג גע־פאקט א הישפאנקע.

אונטערזוכענדיג דעם חולה, האט דער דאקטאר פעסטגעשטעלט, אז דער חולה ליידט נישט פון קיין הישפאנקע, נאר גאר פון א — „גיעמקע"... דער חולה דארף — רחמים...

### פערוואונדערט אין קינא

א בעקאנטער היגער זשורנאליסט איז זיצענדיג אין קינא, וואו ס'ווערט איצט רעמאנסטרירט דער „פילם", „שניר יסורים" אריינגעפאלען אין א שווע־רען שלאף ער האט אפגעכראפעט 2 שעה, און נאכ־דעם ווי די „שטיקע" האט זיך געענדיגט, האט ער געגעניצט און געזאגט: ס'זאל מיר זיין, פאר אנ־אפסקומעניש.

### מאגען - קראמף

די פאגאטאוויע איז אלארמירט געווארען צו א היגען ריכטער, וועלכער האט בעקומען שרעקליכע לייב־שמערצען, לויט די רייד פון חולה, האט ער ביי־טאג אויפגעגעסען א „זעמעל מיט פוטער", וואס דער ריכטער האט בעקומען פון זיין שוואגער אין אמע־ריקא.

דעם לעפעל ריצין־אייל, וואס דער דאקטאר האט איהם געוואלט אראפגעבען, האט דער ריכטער בא'ין אופן נישט געוואלט אראפנעהמען, מחמת — ריצין־אייל מיט מאגען־קראמף — „גראמט" זיך נישט.

### קאפ - שווינדעל ביי די ארבייט

א ווארשאווער שרייבער זיצענדיג ביי דער „צאינה וראינה" און בעארבייטענדיג א „חסידישע מעשה" פאר דער צייטונג, האט פון פיל אנשטרענ־גונג בעקומען א — קאפ־שווינדעל, צוליב וואס די מעשה איז געבליבען נישט פערענדיגט.

דער שרייבער האט דעם שווינדלדיגען שרייבער איבערגעלאזט — אנ'אוואנס, פון וואס דער חולה האט זיך בעפרידיגט.

## ווי אזוי בעקענט מען זיך
### אנווייזונגען פון „קונדס" פאר בחורים און מעדלעך

אין פאיע פון קינא שבת נאכמיטאג, א מעדעל זוכט עפעס אויף דער פאדלאגע. א בחור בעמערקט עס, פרעגט ער זי:
— פאניענקע, וואס זוכען זי?
— א דימענט. כ'האב איהם נאר וואס דא פער־לוירען.
— זי דארפען איהם נישט זוכען, זי האבען איהם שוין געפונען.
— וואו איז ער?
— דא איז ער. איך אליין, מיין נאמען איז די־מאנט, ווי איז איהר נאמען מיט דערלויבעניש?
— מיין נאמען איז קלאפס, מאלע קלאפסובנא.
— זעהר אנגענעהם. קומען זי, פאננע מאלע אויף טיי מיט טשאסטעס.
— פראשען בארדזא.

## ווייבער שמועסען

— וואס זענען זי עפעס אזוי פערטמוטשעט?
— פארוואס זאל איך נישט זיין פערטמוטשעט, אז מיין מאן ווערט משוגע פון די נאקאזען פון אר־זשאנד.
— זי דארפען זיך נישט סמוטשען, איהנס מאן איז צופיל אידיאט, ער זאל דארפען משוגע ווערען.

### די מאניקורשיסטקע, נעבעך...

א בחור פרעגט א מעדעל אין קינא:
— איהר זענט שוין פערהייראט?
— ניין.
— א מעדעל?
— ניין.
— וואס דען?
— א מאניקורשיסטקע.

### א מזל - זאך

— כ'האב געהערט, אז דו האסט פערשפילט דעם פראצעס אין דער דריטער אינסטאנץ?
— יא, נאך מזל, וואס כ'האב אין די ערשטע צוויי אינסטאנצען געוואונען...

### היינטיגע קינדער.

פאטער (צום 8־יעהריגען משה'לע): משה'לע, דו לייענסט א בוך וועגען קינדער דערציהונג, צו וואס טויג דיר דאס?
משה'לע: כ'קאנטראליר דעם טאטעשי, צי דו טוסט מיך גוט דערציהען.

## פייטעל און טרייטעל



**פייטעל:** דו האסט געהערט, אין סאמע בער־לין האט מען געעפענט א רעסטאראן פאר הונד.
**טרייטעל:** טאקע? און וואס פאר אניאויפ־שריפט געפינט זיך דארט אויף דער שילד פון רעס־טאראן?
**פייטעל:** איינגאנג נאר פאר נאציאנאל־סאַ־ציאליסטען.

### פערקאכט א קאשע.

— זאג מיר יונה, וואס קומט אייגענטליך פאר אויף מזרח?
— דו ווייסט נישט? יאפאן איז געווארען א קוכארזש און פערקאכט פאר דער וועלט א נייע קאשע.

—*X*—

